בס"ד

די ברכה אין שטוב

יו"ל ע"י "בית ברכה" מרכז מפעלי חינוך לבנות - סטאלין קארלין

אינהאלט:

* **פרשה** / בהעלותך
* **הילולא** / הרה"ק ר' צבי הירש מנדבורנא זצוק"ל
* **סיפור** / א מלמד דארף האבן "אמונת צדיקים"
* **סיפור** / דער "הר הזיתים" בלעטל
* **ענינא דיומא** / כ' סיון
* **סיפור** / דער חסיד ר' בעריש
* **הילולא דצדיקיא** /

שנה מ"ב כרך ע"ט
גליון ט' (אלפיים י')

ערש"ק בהעלותך
י"ז סיון תשפ"ה

2010

הדלקת הנרות

פרשת בהעלותך

	ירושלים	טבריה	מודיעין	ניו-יורק
עש"ק	7.10	7.06	7.20	8.10
מוצש"ק	8.29	8.31	8.30	

זמנים

לפרשת שלח

ארץ ישראל

יום	נץ החמה	סוזק"ש א.	סוזק"ש ב.	סוזת"פ א.	סוזת"פ ב.	חצות	שקיעה
ראשון	5.28	8.10	9.06	9.43	10.17	12.40	7.51
שני	5.28	8.10	9.06	9.43	10.17	12.40	7.51
שלישי	5.28	8.11	9.06	9.43	10.17	12.40	7.52
רביעי	5.28	8.11	9.07	9.44	10.18	12.40	7.52
חמישי	5.28	8.11	9.07	9.44	10.18	12.41	7.52
שישי	5.29	8.11	9.07	9.44	10.18	12.41	7.53
שב"ק	5.29	8.11	9.07	9.44	10.18	12.41	7.53

ניו-יורק

יום	נץ החמה	סוזק"ש א.	סוזק"ש ב.	סוזת"פ א.	סוזת"פ ב.	חצות	שקיעה
ראשון	5.24	8.34	9.10	10.01	10.25	12.57	8.29
שני	5.24	8.34	9.10	10.02	10.26	12.57	8.29
שלישי	5.24	8.34	9.10	10.02	10.26	12.57	8.29
רביעי	5.24	8.34	9.10	10.02	10.26	12.57	8.30
חמישי	5.25	8.35	9.11	10.02	10.26	12.57	8.30
שישי	5.25	8.35	9.11	10.02	10.26	12.58	8.30
שב"ק	5.25	8.35	9.11	10.03	10.27	12.58	8.30

ויעש כן אהרן.

זאגט רש״י הקדוש: ״להגיד שבחו של אהרן שלא שינה״.

וואס איז דער חידוש אז אהרן הכהן האט נישט משנה געווען פון צווי ה׳? זאגט דער ״שפתי קודש״:

דער טבע פון א מענטש איז אז ווען ער גייט ארויף אויף א הויכע מדריגה קומט ער צו התפעלות, און פילט זיך העכער ווי פריער.

אהרן הכהן האט געגומען א ביישפיל פון די מנורה אליין וואס ווי הויך זי זאל ווערן פילט זי נישט ביי זיך קיין אונטערשייד, ״ויעש כן אהרן״. אויך אהרן האט זיך געשפירט נישט אנדערש ווי די מנורה אליין כאטש הקב״ה האט אים געזאגט ״בהעלותך את הנרות״ ער זאל ארויף גיין הויכע מדריגות אבער ״מלמד שלא שינה״ ער האט זיך נישט געשפירט אנדערש ווי פריער - נאר דער זעלבער אהרן, דער זעלבער באדינער פון גא-ט ברוך הוא.

✰ ✰ ✰

דער ״שפת אמת״ זאגט: דער דרך העולם איז אז עס קומט אן ערשטן מאל א מצוה ווערט דאס געטאן מיט התלהבות און איבעראשונג אבער ווען מ׳ווערט געוואוינט מיט די מצוה גייט די התלהבות אראפ. אבער נישט ביי אהרן הכהן וואס ״מלמד שלא שינה״ ער פלעגט אנצינדן די מנורה שטענדיג מיטן זעלבן ברען, מיט די זעלבע התלהבות און מיט די זעלבע התרגשות פונקט ווי ביי דעם ערשטן מאל.

✰ ✰ ✰

האנכי הריתי את כל העולם הזה אם אנכי ילדתיהו מאין לי בשר לתת לכל העם הזה״.

פרעגט זיך א קשיא אויב משה רבינו האט געהאט פאר זיך א טענה ״מאין לי בשר לתת לכל העם הזה״ איך האב נישט קיין פלייש צו געבן, איז וואס האט ער געדארפט מקדים זיין מיט א גאנצע הקדמה: האב איך דען זיי געטראגן און געבוירן? איז דען נישט גענוג די טענה איך האב נישט קיין פלייש?

זאגט דער אלטער גורער רבי זצוק״ל הרה״ק ר׳ אברהם מרדכי זי״ע דער בעל ״אמרי אמת״: פון דאנען איז א ראיה אז ביי עלטערן פון קינדער איז נישט שייך קיין טענה איך האב נישט, פון וואנען וועל איך נעמען, די כוחות פון עלטערן זענען איבערגעגעבן פון באשעפער צו טאן אלעס אז קינדער זאלן פון זיי געניסן. משה רבינו האט גע׳טענה׳ט בין איך דען זייער טאטע מאמע וואס איך קען זיי באזארגן מיט פלייש, און דעריבער איז מיין טענה ״מאין לי בשר״ א טענה.

הילולא

הרה״ק ר׳ צבי הירש זצוק״ל
פון נדבורנא

דער מחבר ״צמח ה׳ לצבי״

צו זיין הילולא כ׳ סיון (תקס״א)

אין יאר תצ״ג איז געבוירן געווארן צו הרה״ק ר׳ שלום זליג - מחבר קונט׳ ״דבר שלום״ - אייניקל פון גאון רבי שאול וואהל, וואס איז געווען פון גזע רש״י הקדוש, א זוהן וואס איז גערופן געווארן רבי צבי הירש.

אלס קינד האט אים דער טאטע געברענגט אויף זיינע הענט צום הייליגן בעל שם טוב כדי געבענטשט צו ווערן דורך אים, און דער בעש״ט הקדוש האט אים געבענטשט: דו זאלסט זיין א מנהיג בישראל!

רבי צבי הירש האט זיך שפעטער גערעכנט פון די חשוב׳סטע און גרעסטע תלמידים פון זלאטשובער מגיד - עס איז פאראן א גירסא אז רבי צבי הירש האט אויך געלערנט ביים גרויסן מגיד פון מעזריטש.

רבי צבי הירש איז געווארן אן איידעם ביי רבי אלימלך הרושובסקי מגיד פון דרוהוביטש וואס איז געווען אן אייניקל פון ב״ח.

אין יאר תקל״ז איז רבי צבי הירש אויפגענומען געווארן אלס מגיד אין די שטאט דולינה, און דאן האבן זיך שוין צו אים צוגעזעצט חשוב׳ע תלמידים, און ער האט צושפרייט תורה און חסידות איבערן געגנט.

אין יאר תקמ״ו איז רבי צבי הירש אריבער קיין נדבורנא און איז דארט אויפגענומען געווארן אלס מגיד אין נדבורנא און דעם געגנט ארום, דארט איז ער שוין מפורסם געווארן פאר א גרויסער עובד ה׳ א בעל רוח הקודש, און א גרויסער ״פועל ישועות״.

זייענדיג אין נדבורנא האבן זיך צו אים צוגעבונדן חשוב׳ע תלמידים וואס האבן פון אים גענומען תורה און חסידות און שפעטער באשיינט די וועלט מיט זייער גרויסקייט. פון די חשוב׳ע תלמידים ווערן גערעכנט:

הרה״ק ר׳ מנדלי קוסובער זצוק״ל, הרה״ק ר׳ הירש פון זידיטשוב, הרה״ק ר׳ אברהם דוד פון בוטשטאש, און נאך. וועגן זיין גרויסקייט זאגט עדות דער גאון און צדיק רבי אפרים זלמן מרגליות פון בראדי אין זיין הסכמה אויפן ספר ״צמח ה׳ לצבי״:

נודע בשערים לשם ולתהלה. טוב שם משמן טוב. שריחו נודף. וקדושים יגידו תפארתו תפארת צבי. ה״ה הרב הגדול החסיד המפורסם קדוש יאמר לו כקש״ת מוהר״ר צבי הירש זללה״ה מגיד מישרים דק״ק נדבורנא הן

בעודו חי הוצק חן בשפתותיו ישא מדברותיו בתורת אמת ורבים השיב מעון. והוכיח במישור לענוי ארץ. וכסאתו היתה מוטלת בין גדולי רום הצדיקים המפורסמים שבדור. ואשר היה דורש טוב לעמו.

ביי רבי צבי הירש האט מען געזעהן אפענע רוח הקודש, ער האט אלעס קלאר געזעהן.

וועגן זיין "רוח הקודש" ווערט דערציילט:

געקומען איז זיין רבי דער זלאטשובער מגיד זי"ע צו אים קיין נדבורנא און ער איז איינגעשטאנען ביי אים אין הויז.

צו שחרית זענען אנגעקומען אסאך חסידים פון שטאט כדי צו דאווענען צוזאמען מיטן זלאטשובער מגיד, ווען דער זלאטשובער מגיד איז ארויס פון צימער אנגעטאן מיטן טלית און תפילין, האט ער זיך ארום געדרייט אין שול און איז באלד צוריק אריין אין צימער.

א גרויסער וואונדער האט אלעמען ארום גענומען נישט פארשטייענדיג וואס פאר א זינד דער זלאטשובער מגיד האט אין זיי געזעהן, וואס ער וויל מיט זיי נישט דאווענען.

באלד האט זיך הרה"ק ר' צבי הירש זי"ע אויפגעשטעלט און אויסגערופן: רבותי! עס איז נישט אונזער זינד וואס דער רבי וויל מיט אונז נישט דאווענען, נאר דא אין שול געפינט זיך א יונגערמאן וואס ער איז ליידער אין הארץ אנגשמעקט מיט מינות און האט באהאלטענערהייט א שייכות צום כת שבתי צבי ימ"ש, דעריבער קען דער רבי דא נישט דאווענען ביז מ'וועט אויסרייניגן די שלעכטס פון אונז!

און רבי צבי הירש האט צוגעלייגט:

טאמער ווילט איר וויסן ווער דער יונגערמאן איז, אז איר וועט טרעפן ביי דעם יונגערמאן א זוהר וואס איז געשריבן געווארן מיט תגים פון שתי וערב רח"ל. דאס איז דער וואס וויל דעם זוהר פארלייען נאך מענטשן און אזוי מכשיל זיין נאך יידן מיטן כוח פון עבודה זרה!

די עצה דערצו איז, האט רבי צבי הירש אויסגערופן:

מ'זאל פון יענעם צונעמען זיינע ספרים, און אים פרובירן צורעדן ער זאל תשובה טאן, דאן וועט אלעס רעכט ווערן.

באלד האט מען דעם יונגערמאן געטראפן, מ'האט פון אים צוגענומען זיינע ספרים, און גענומען מיט אים רעדן ער זאל תשובה טאן, און ער האט צוגעזאגט אז ער בייט פון יעצט זיין וועג, נאכדעם וואס ער זעהט קלאר אז

מ'האט אים געכאפט ביי זיינע מחשבות ווען קיינער און דער וועלט האט פון דעם נישט געוואוסט.

באלד ווי דער יונגערמאן האט באקומען א הרהור תשובה און חרטה, איז דער זלאטשובער מגיד אריין געקומען דאווענען.

ווען מ'האט געענדיגט דאווענען האבן זיך די חסידים צוגעזעצט צו רבי הירש'ן, און אים געפרעגט: צו ער האט געוואוסט פון דעם יונגערמאן מיט זיינע מחשבות נאך איידער זיין רבי דער זלאטשובער מגיד איז געקומען, אדער די ידיעה איז צו אים געקומען מיט דעם וואס ער האט געזעהן אז דער רבי וויל נישט דאווענען מיטן עולם, און דאן האט דער רבי אים געגעבן דעם כוח, זיך צו דערוויסן פון די טומאה פון יונגערמאן?

האט רבי צבי הירש זי"ע אנגערופן:

מיר האבן שוין געוואוסט פון פריער, פון זינט דער יונגערמאן איז אריין צו אונז אין שול און ער האט שוין דאן געהאט ליידער דיעות כוזבות, נאר פארוואס האבן מיר דאס איינגעהאלטן און נישט דערציילט, דארפט איר וויסן:

ווען עס קומט ארונטער אויף דער וועלט א הויכע נשמה וואס ווייסט און באקומט פון הימל רוח הקודש, זאגט מען אים שטרענג אן: דו זאלסט פארזיכטיג זיין און נישט אנטפלעקן אלעס וואס דו ווייסט מיט רוח הקודש, אין א זאך וואס איז תלוי אין בחירה פון גוטס צו שלעכטס, ווארום אויף וואס איז דא בחירה אויף דער וועלט, אויב דער צדיק וועט יענעם זאגן?! עד כדי כך בינדט מען צו דעם צדיק ער זאל נישט רעדן און דערציילן, פונקט אזוי ווי מען בינדט צו א פאס פון ווין מיט א רייף פון אייזן ארום און ארום עס זאל קיין טראפן ווין נישט ארויס רינען. נאר אין איינציגע פאלן גיבט מען רשות דעם צדיק ארויס צו ווייזן זיין רוח הקודש און דערציילן וואס ער ווייסט, ווי למשל ביי אזא פאל וואס מיר האבן דא געהאט!

☆ ☆ ☆

א גרויסער בעל מופת איז רבי צבי הירש געווען און מ'האט ביי אים געזעהן אום נאטורליכע מופתים.

ביי רבי צבי הירש האט מען געזעהן ממש דעם זעלבן מופת וואס אלישע הנביא האט באוויזן:

ווען די טאכטער האט חתונה געהאט מיטן איידעם הרב ר' אהרן זאב זי"ע האט אים דער פאטער געבענטשט מיט רייכקייט און ער האט געהייסן דעם איידעם אנפילן ווין פון א כלי וואס פון איר וועט מען אנפילן וויפל ליידיגע כלים ער וועט ברענגען, און אזוי איז געווען. נאך האט דער פאטער איר געבענטשט אז ביז 10 דורות וועט קיינער פון אירע קינדער און אייניקלאך

נישט דארפן דינען אין די מיליטער, און אזוי איז געווען אלע יארן, אפילו ווען מ'האט איינעם פון די אייניקלאך גענומען צום דינען איז ער באלד באפרייט געווארן.

אין די לעצטע יארן פון הרה"ק ר' צבי הירש, האט ער זיך שטארק אפגעגעבן מיטן חשוב'ן תלמיד הרה"ק ר' מנחם מנדל פון קאסוב אים האט ער באשטימט ער זאל פירן נאך אים, און ער האט אים געוואלט איבער געבן זיינע כוחות - דעם לעצטן האלב יאר האט ער דעם קאסובער געהייסן ער זאל נעכטיגן נעבן זיין צימער, כדי ביינאכט נאך חצות זאל ער מיט אים לערנען און ער וועט אים דאן איבער געבן גרויסע סודות.

די ערשטע נאכט - פלעגט דער קאסובער זי"ע דערציילן, האט ער זיך זייער געשראקן ווייל ער האט געהערט און געזעהן ווי נשמות פון יענער וועלט קומען צום רבי'ן ער זאל זיי מתקן זיין, אבער מיט די צייט האט ער זיך אויפגעהערט צו שרעקן ווייל דער רבי האט אים דאס אויך אויסגעלערנט. פאר זיין הסתלקות האט רבי צבי הירש געבעטן דעם קאסובער זי"ע ער זאל זיך זעצן אויף זיין שטול און איבער נעמען זיין עולם חסידים.

דריי חשוב'ע ספרים האט רבי צבי הירש מחבר געווען "צמח ה' לצבי" אויף תורה - צדיקים האבן שטארק משבח געווען דעם חשוב'ן ספר אלס א ספר יסוד אין חסידות.

"שפתי קדשים" אויף תהלים, און "מילי דאבות" אויף פרקי אבות.

כ' סיון פון יאר תקס"א איז רבי צבי הירש נסתלק געווארן.

רבי צבי הירש האט איבער געלאזט נאך זיך קינדער צדיקים, דער זוהן הרה"ק ר' דוד אריה ליב פון נדבורנא דער זוהן רבי משה יחיאל מיכל, דער איידעם הרה"ק ר' יצחק פון ראדוויל זוהן פון זלאטשובער מגיד, און דער איידעם הרה"ק ר' מאיר זוהן פון בארדיטשובער רב זי"ע.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

מודה אני לפניך על כל החסד

דער אלטער רבי דער הייליגער "בית אהרן" זי"ע האט געזאגט: 'מודה אני לפיך על כל החסד שעשיתי עמדי ואשר אתה עתיד לעשות עמי'. (פון די תפילה פאר קידוש) שבת איז דער מסחר פון חסדי השי"ת אויף די גאנצע וואך, דעריבער דארף מען פאר קידוש מאכן דעם חשבון פון די וואך'ס צאלן - מיט א דאנק - פאר די חסדים וואס זענען אריבער, און געבן א נאדרוף פאר די חסדים וואס וועלן קומען!

ספור א מלמד דארף האבן "אמונת צדיקים"

דער פאטער פון רבי דוד'ל בידרמן זצוק"ל הרה"ק ר' אלעזר מענדל זצוק"ל האט זיך שטארק אפגעגעבן מיטן חינוך פון דעם יונגן רבי דוד'ל וואס האט ארויס געוויזן אלס קינד עילוי'ישע כשרונות, און כאטש רבי אלעזר מנדל האט געלעבט מיט גרויס דחקות, האט ער פאר חינוך פון דעם קינד דוד צבי שלמה נישט געקוקט אויף זיין מצב און האט געזוכט פאר אים א פריוואטער מלמד וואס ער וועט אים אויסהאלטן כדי ער זאל לערנען מיטן קינד א גאנצן טאג.

☆ ☆ ☆

ער האט אבער נישט געפונען אין ירושלים קיין פאסיגן חסיד'ישן מלמד און האט דעריבער געדונגען א מתנגד וואס איז געווען אויסגעצייכנט אלס גרויסער תלמיד חכם, א ירא שמים און א בעל מדות.

רבי אלעזר מנדל האט אים נאכגעקוקט און נאכגעפרעגט יעדן טאג אויף זיין סדר למוד און וויפל מאס יראת שמים ער לייגט אריין אין קינד, אויך פון דעם קליינעם דוד פלעגט ער נאך פרעגן ווי אזוי דער מלמד פירט זיך טאג טעגליך.

א וואונדער האט דעם טאטן ארום גענומען ווען דער קינד האט דערציילט: אז אלע טאג פארן אנהויבן לערנען גייט דער מלמד צו צום פענסטער ער שטעלט זיך אוועק און קוקט ארויף אויפן הימל און זיינע אויגן גיסן טייכן טרערן!

אין דעם זעלבן טאג האט רבי אלעזר מנדל געשיקט רופן דעם מלמד צו זיך אין הויז און אים געפרעגט און געבעטן ער זאל אים דערציילן וואס די סיבה וואס ער וויינט יעדן טאג פארן לערנען איז.

האט דער מלמד דערציילט:

מיט אסאך יארן צוריק בין איך געווען ביי דעם רבי'ן פון ראדושיץ זי"ע דער רבי ר' בער. און אין א טאג האב איך געזעהן א שרעקליכע מעשה וואס איך אליין בין געווען דערביי:

א פרוי איז אריין געקומען מיט א גרויס געוויין צום ראדושיצער און זיך געבעטן ביי אים ער זאל איר אנטפלעקן וואו איר מאן איז נעלם געווארן איבערלאזנדיג איר שוין א לאנגע צייט אן עגונה.

דער ראדושיצער זי"ע האט ארויס געשיקט זיין גבאי און אים געהייסן גיין אויפן וועג וואס פירט ארויס פון שטאט און אז ער וועט טרעפן דעם ערשטן גוי זאל ער אים אריין ברענגען צו אים.

עס איז נישט אריבער א לאנגע צייט, און דער גבאי קומט אריין מיט א מענטש וואס איז געווען אפגעשארן און אנגעטאן גוי'יש.

זאג ווער דו ביזט, האט דער ראדושיצער אויסגעשריגן צום גוי, פון מיר וועסטו זיך נישט

אויסבאהאלטן, שנעל זאלסטו זאגן דעם אמת!

דער "גוי" האט זיך באלד מודה געווען אז ער איז א ייד און ער איז דער מאן פון די פרוי, ער האט זיך פארשטעלט גוי'יש כדי מ'זאל אים בשום אופן נישט דערקענען.

לויט דעם שטרענגן אנזאג פון ראדושיצער זי"ע האט ער באלד געגעבן א גט און אפגעבונדן די פרוי פון די עגונה קייטן.

די מעשה האט מיר זייער צושוידערט, און איך האב באשלאסן זיך אריין צו כאפן ביים ראדושיצער צדיק אין צימער ביינאכט און זעהן וואס ער טוט אין די נעכט, איך האב זיך באהאלטן אונטער זיין בעט אנהויב נאכט, און ווען דער ראדושיצער איז אריין האט ער מיר דערשפריט און מיר געהייסן ארויס גיין.

א שרעק האט מיר ארום גענומען און איך בין ארויס געשפרונגען פון מיין ארט און זיך געשטעלט פארן רבי'ן.

פרעגט מיר דער ראדושיצער: יונגערמאן! וואס ווילסטו! האב איך אים געענטפערט: יראת שמים! יהי רצון - האט דער ראדושיצער צדיק מיר געזאגט - אז יעדן מאל איידער דו ווערסט זיך זעצן לערנען זאל אין דיר אריין קומען א הרהור תשובה!

פון דעמאלטס שוין צענדליגער יארן וואס דעם רבינ'ס ברכה גייט מיר נאך, עס גייט נישט אריבער א טאג וואס איך טו נישט תשובה, און פארן זיך זעצן לערנען נעמען מיר ארום הרהורי תשובה און עס גיסן זיך פון מיר טרערן.

אויב אזוי - פרעגט רבי אלעזר מנדל - איר האט געזעהן אזעלכע גרויסע זאכן ווי קומט דאס אז איר זענט נישט געווארן קיין חסיד נאר געבליבן א מתנגד?

זאגט מיר דער אמת - רבי אלעזר מנדל - האט דער מלמד געענטפערט - זענט איר נישט מסכים מיט מיר אז די אלע "מופתים" זענען מעשה כשפים?!

נאך אין זעלבן טאג האט רבי אלעזר מנדל אנטזאגט דעם מלמד און מער דעם יונגן דוד'ל נישט געשיקט לערנען ביי אים, ווער עס האט נישט אמונת חכמים - צדיקים וועט מיט מיין קינד נישט לערנען תורה!

ואם באחת יתקעו ונועדו אליך הנשיאים

דער "עוללות אפרים" טייטשט: אויב איר ווילט אז עס זאל הערשן אן אחדות ביי די פאלק - "ואם באחת יתקעו", דארף צום ערשטן זיין - "ונועדו אליך הנשיאים" - זאלן זיך פריער פאראייניגן - מאחד זיין - די מנהיגים, די אנפירער, זיי זאלן זיך חלילה נישט ארום קריגן, ווען צווישן זיי וועט זיין אחדות וועט מען קענען אויך זעהן אז די פאלק זאל זיך מאחד זיין.

ספור

דער "הר הזיתים" בלעטל

דער סיפור האט דערציילט אונזער חסיד הרה"ח ר' משה חיים שמעיה ז"ל וואס האט דאס געהערט פון דעם בעל המעשה אליין:

געוועז איז אין ירושלים אן אלטער קצב וואס פלעגט פארקויפן פלייש, און ביי אים פלעגן קויפן די שיינע יידן פון ירושלים עיה"ק.

געהאט האט דער קצב א קונד א ייד א זקן מופלג וואס איז געקומען פון חוץ לארץ און האט זיך אויף דער עלטער באזעצט אין ירושלים.

כאטש דער קונה איז געווען גאר אלט, האט זיך אויף זיין געזיכט נישט דערקענט זיין אלטקייט, ער האט נישט געהאט קיין איין ווייסן האר אין זיין שווארצע שיינע בארד וואס איז געווען על פי מדותיו, ער איז געגאנגען אויפגעשטעלט אן קיין שטעקן אין האנט, שטענדיג פריש און פרייליך, צופרידן און גליקלאך, ער האט זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען אויף קיינעם און מיט קיינעם נישט געהאט צו טאן.

דער אלטער קונה פלעגט קומען יעדן פרייטיג, תמידין כסדרן, צום קצב, און פלעגט קויפן ביי אים א שטיקל פרישע פלייש אויף שבת, אזוי האט ער זיך געפירט א לאנגע תקופה פון יארן.

געוועז איז א פרייטיג און דער ייד קומט ווי זיין סדר צום קצב פרייליך און צופרידן און הייסט דעם קצב אים געבן א שיינע שטיקל פלייש לכבוד שבת.

ווען דער קצב האט דעם שיינעם ייד אנגעקוקט האט ער באמערקט עפעס א חידוש ביים ייד, אויפן שווארצן בארד האט זיך געוויזן א ווייסער האר, און מיט א שמייכל האט זיך דער קצב אנגערופן:

אה! ר' ייד - ער האט אים אנגערופן ביים נאמען - מ'זעהט שוין א "הר-הזיתים בלעטל" אויף אייער בארד! (א רמז אויף א ווייסן האר וואס דערנענטערט דעם מענטש צום בית החיים אויפן הר-הזיתים).

ווען דער ייד האט געהערט דעם קצב'ס "ווערטל" איז זיין געזיכט געווארן ערנסט, ער האט דעם קצב מער ווי א "גוטן שבת" נישט געזאגט, און האט גענומען זיין ליידיגן טעשל, נישט נעמענדיג די פלייש וואס ער האט באשטעלט, און ער איז פון קלייט אוועק מיטן ריכטונג פון זיין הויז.

דער קצב וואס האט גארנישט געמיינט און האט נישט געהאט קיין כוונה דעם גוטן ערליכן קונה צו טשעפען, האט די זאך זייער וויי געטאן, ער האט נישט געטראכט אז מיט אזא ווערטל קען דער ייד אזוי געטשעפעט ווערן, אבער וואס קען ער דען יעצט טאן?! צומאכן די קלייט ווען יידן דארפן קויפן לכבוד שבת, און אים לויפן איבער בעטן, איז יעצט נישט שייך. ער האט זיך דעריבער פארלאזט אז דער ייד וועט זיך בארואיגן, און זיך בארעכנענן אז ער האט אים באמת גארנישט געמיינט צו טשעפען, און ער וועט אים זיכער מוחל זיין און שפעטער צוריק קומען

נעמען די פלייש וואס ער האט באשטעלט אויף שבת.

געווארן איז חצות דער ייד קומט נאך אלץ נישט צוריק און דעם קצב טוט ווייי די הארץ, כמעט ווי ער קען די קונים נישט רעכט באהאנדלען, צו וואס האט ער געדארפט רעדן אן איבעריגן ווארט און אזוי פארטשעפען א מענטש?!

דער סדר איז געווען אז דער קצב פלעגט פרייטיג מיטאג צומאכן די קלייט און גיין דאווענען מנחה גדולה דארט פלעגט דער אלטער וואס איז געווען פון ליטווישן געגנט, אויך קומען, ווייל ער האט זיך אויך געפירט צו דאווענען "מנחה גדולה". דאן - טראכט דער קצב - ביי מנחה וועל איך צו אים צוגיין און אים איבער בעטן, ער וועט דאך מיר זיכער מוחל זיין!

אבער אויך צו מנחה איז דער ייד נישט געקומען, א גאנצן דאווענען איז דער קצב געווען צורודערט, - עד כדי כך איז ער געטשעפעט געווארן?! אפילו צו מנחה קומט ער שוין נישט ווייל ער קען מיר נישט קוקן אין פנים?!

דער קצב האט דעריבער באשלאסן אז באלד נאך מנחה גייט ער נישט אהיים, נאר ער גייט צום ייד אין הויז און ער וועט אים בעטן מחילה. ער וועט מסביר זיין קלאר אז ער האט נישט געהאט ח"ו קיין שלעכטע כוונה און דאס איז געווען פשוט א פריילאכער ווערטל.

מיט א צובראכנקייט איז דער קצב געגאנגען מיטן ריכטונג פון די הויז פון דעם יידן ער האט אנגעקלאפט אין טיר, און ווען דער ייד האט אים געעפנט, האט דער קצב באלד אנגעהויבן אים בעטן מחילה, און האט אים געפרעגט פארוואס ער האט זיך אזוי געשפירט נאך זיין ווערטל, ער האט דאך קיין שלעכטע כוונה נישט געהאט, אזוי שטארק איז ער געטשעפעט געווארן אז אפילו צו מנחה בציבור איז ער נישט געקומען?

חלילה! - זאגט דער ייד צום קצב - איר האט מיר נישט געטשעפעט און איך האב קעגן אייך קיין תרעומות נישט, איר דארפט מיר נישט איבערבעטן ווייל איר האט מיר נישט געטשעפעט.

וואס ז'שע איז דא געשעהן? - פרעגט שוין דער קצב פארוואונדערט.

זעצט זיך! - זאגט צו אים דער ייד - און איך וועל אייך דערציילן א מעשה:

איך בין ווי איר זעהט א זקן מופלג און אפשר שטעלט איר זיך נישט פאר וויפל איך בין באמת אלט - עס פעלט נישט קיין סאך צום הונדערט, איך האב נאך געקענט דעם גאון רבי עקיבא איגר זצוק"ל און אים זוכה געווען צו באדינען, אין א טאג איז מיר אויסגעקומען צו טאן דעם גאון רבי עקיבא איגר א גרויסע טובה, - וואס די טובה איז געווען האט דער ייד נישט געוואלט דערציילן - און פאר די טובה האט מיר דער גאון געוואונטשן אריכות ימים, גוטע יארן, און ער האט צוגעלייגט: ווען ווערסטו וויסן אז דיינע טעג ענדיגן זיך, ווען עס וועט זיך אויף דיר באוויזן א ווייסע האר!

נו! - האט דער ייד אויסגעפירט - אז איר האט מיר היינט אינדערפרי אנטפלעקט אז עס האט זיך ביי מיר

המשך בעמ' יד ←

די פיר ווינקלען פון שטוב

תורה און דרך ארץ

אשר מלאתיו רוח חכמה. ווי אזוי קען דער חכם ביי זיך באשליסן אז ער האט שוין באקומען א מאס פון חכמה? מיט דעם וואס ער וועט שוין קענען סובל זיין צו זיצן נעבן א שלעכטן שכן... (רבי שלמה אבן גבירול)

☆ ☆ ☆

עס איז פאראן אמאל חכמה וואס איז באדעקט מיט ארעמקייט, און עס איז פאראן אמאל נארישקייט וואס איז פארדעקט מיט רייכקייט. (מבחר הפנינים)

☆ ☆ ☆

א חכם איז דער וואס באטראכט יענעם פונקט ווי ער באטראכט זיך. (משלי חכמים).

ויתן לך האלקים מטל השמים

א. פון אר"י הקדוש און אויך פון הריעב"ץ ווערט געבראכט אז די פיוטים און מזמורים פון "מוצאי שבת-קודש" זאל מען זאגן נאנט צום "צאת השבת", און באלד נאך דעם זיך וואשן "מלוה-מלכה".

"ביי אונזערע רבי'ס איז על כן געווען די קפידה מ'זאל צואיילן דעם זאגן אליהו'ס וואס נענטער צום שבת".

ב. דער מהרי"ל ברענגט א טעם פארוואס מ'זאגט דעם פזמון אליהו'ס באלד נאך שבת, ווייל אין "תוספתא" ווערט געברענגט אז אליהו הנביא זעצט זיך גלייך מוצאי שבת אונטער דעם "עץ החיים" און שרייבט איין די אלע זכויות פון די וואס האבן געהיט דעם שבת.

ג. עס זענען פאראן חסידים און אנשי מעשה וואס פירן זיך צו זאגן "ויתן לך" אין צווייען איינער בענטשט דעם אנדערן "ויתן לך"!

ד. פרויען זענען אויך מחוייב מיט סעודת "מלוה-מלכה".

הלכות און מנהגים

מוסר און יראת שמים

ווער קען זיין א רבי

הרה"ק ר' יחיאל פון גריצא איז געקומען צו הרה"ק ר' יעקב דוד פון אמשינוב זיך אדורך צו רעדן מיט אים צו ער זאל אננעמען די רבנות.

האט אים רבי יעקב דוד געזאגט:

גריצער רב! אויב איר ווילט ווערן רבי אויף חסידים דארפט איר וויסן דריי זאכן:

ערשטנס, ווען מ'זעצט זיך אויף א שטול פון רבי'סטעווע דארף מען שפירן ווי מען זיצט אויף טשוועקעס.

צווייטנס, ווען א חסיד דערלאנגט א קוויטל דארף מען שוין וויסן פריער וואס עס שטייט אין קוויטל.

דריטנס, דארף מען שפירן יענעמ'ס צרה ווי עס וואלט געווען אן אייגענע!

- אויב איר האט די אלע 3 זאכן מעגט איר ווערן רבי, אז נישט טאר מען קיין רבי נישט ווערן.

די חשיבות פון ארץ ישראל

ווען הרה"ח ר' יעקב דער איידעם פון אונזער חסיד רבי וועלוול פון טבריה ז"ל איז געפארן פון ארץ-ישראל און איז געבליבן ביי הרה"ק ר' אהרן פון טשרנוביל האט אים רבי אהרן געפרעגט: צו האסטו עפעס געבראכט פון ארץ-ישראל, וואס דו קענסט מיר אוועק געבן? האט אים רבי יעקב געענטפערט: איך האב מיט זיך נאר א מקוה קאפטן, אן אלטן קאפטן וואס ער נוצט צו גיין מיט אים אין מקוה, זאגט צו אים רבי אהרן: אה! עס איז ביי מיר זייער חשוב! און האט ר' יעקב'ן אריין גענומען צו זיך אין שלאף צימער און אים געוויזן אז זיין בעט איז אויסגעבעט מיט ארץ-ישראל'דיגע שמאטעס, אלטע קאפטינעס, און מאנטלען. אויף דעם לייג איך זיך אפרוהען, האט אים רבי אהרן געזאגט: וויל איך דיין קאפטן אויך דערצו.

חסד און חסידות

← המשך מעמ' יא

אויף מיין שווארצע בארד באוויזן א ווייסער האר, און איר האט טאקע אויף א ווערטל געזאגט אז עס האט זיך באוויזן א "הר הזיתים בלעטל", איז מיר באלד קלאר געווארן אז די צייט פון פארלאזן די וועלט איז שוין ביי מיר געקומען, האב איך באלד באשלאסן אז מ'דארף זיך גרייטן צו פארלאזן אונזער וועלט און וואס טויג מיר נאך פלייש מיט גשמיות מ'דארף אריין כאפן יעדן מינוט רוחניות.

☆ ☆ ☆

נאך אין דעם זעלבן טאג פרייטיג פארנאכט האט דער ייד געשיקט רופן חברה קדישא און האט אויסגעהויכט זיין נשמה א זקן ושבע ימים, ווען די ברכה און נבואה פון גרויסן גאון און צדיק רבי עקיבא איגר זצוק"ל זענען מקויים געווארן.

אווירא דארץ-ישראל

אין איינע פון די נסיעות פון דעם אלטן רבי'ן דער הייליגער "בית אהרן" זצוק"ל פון קארלין, איז ער אדורך געפארן איזביצא, ווען ער איז אריין אין טויער פון שטאט האט ער זיך אנגערופן: מיר שפירן דא "אווירא דארץ-ישראל", שפעטער ווען ער איז אריין אין שטאט האט דער הייליגער "בית אהרן" געזעהן אז איזביצא איז ארום גענומען מיט בערג ארום און ארום, האט ער זיך אויסגעדריקט:

"ירושלים הרים סביב לה"!

דער "בית אהרן" איז אריין צום איזביצער רבי יעקב'ן אין הויף און זיי האבן לאנג פארברענגט און געשמועסט אין דברי תורה.

איידער דער "בית אהרן" זצוק"ל איז ארויס געפארן פון איזביצא האט ער זיך אנגערופן:

"כל זמן דער צדיק רבי יעקב וואוינט אין איזביצא הערשט זיין קדושה אויף די שטאט, אז עס זאל זיך דא שפירן די קדושה פון ירושלים עיה"ק".

פון דאן האט געהערשט א שטארקע ליבשאפט צווישן די צוויי צדיקים און איינער צום צווייטן פלעגן שיקן מיט א שליח מיוחד פארשידענע שליחויות.

ווען מ'האט איבער געזאגט רבי יעקב'ן אז דער "בית אהרן" האט זיך אנגערופן שטייענדיג אין איזביצא אז ער שפירט "אוירא דארץ ישראל" האט ער זיך אויסגעדריקט: ווען דער חוזה פון לובלין איז געווען אין איזביצא האט ער זיך אויך די זעלבע אויסגעדריקט: "איך שפיר דא אוירא דארץ-ישראל"!

כ׳ סיון איז א תענית-ציבור טאג וואס איז נאך אויסגערופן געווארן דורך די בעלי התוספות דער ״רבינו תם״ און מיט אים אלע חכמי צרפת, דאס איז געווען צוליב צרות וואס זענען געווען אויף יידן אין יאר ד׳ אלפים תתקל״א (מיט 854 יאר צוריק).

דעם זעלבן טאג כ׳ סיון איז ווידער אויסגערופן געווארן פון דאסניי אין יאר ה׳ אלפים ת״י (מיט 375 יאר צוריק) דאס צוליב די נייע שווערע און ביטערע צרות וואס זענען דאן געווען אויף יידן אין די יארן ת״ח - ת״ט.

אין ספר ״עמק הבכא״ ווערט געברענגט די ערשטע צרה, וואס צוליב איר האט דער ״רבינו תם״ באשטעטיגט דעם טאג כ׳ סיון פאר א תענית ציבור, די מעשה איז געווען אזוי:

אין יאר ד׳ אלפים תתקל״א איז א ייד געגאנגען אנטרינקען זיין פערד נאך די ארבעט נעבן קוואל, דארט האט דער ייד דערזעהן ווי א גוי האט געהאלטן א קליינעם גוי און ער דערטרינקט אים אין וואסער.

דער גוי וואס האט מורא געהאט אז דער ייד וועט דערציילן די מעשה איז באלד צוריק געלאפן אין שטאט און האט געמאכט א טומל, דערציילט האט ער אז ער האט געזעהן ווי א ייד דערטרינקט א גוי אין וואסער ווייל דער גוי האט זיך מיט אים פארטשעפעט.

עס האט נישט געפעלט קיין סאך און באלד האט די מלוכה איינגעזעצט די דריי ראשי הקהל חשוב׳ע גדולי ישראל רבי יחיאל בן דוד, רבי יקותיאל בן יהודה, וואס זענען געווען תלמידים פון רבינו שמואל, און רבי יהודה ב״ר אהרן. און מ׳האט באלד געהייסן מאכן א גרויסן פייער אין מיטן שטאט, און די דריי צדיקים אויפן פייער ארויף לייגן זיי צו פארברענען לעבעדיגערהייט.

רבי אפרים יעקב פון בונא וואס האט די מעשה פארשריבן אין יענע צייט זאגט עדות ווי די מעשה איז געווען:

די דריי צדיקים האט מען געברענגט צום פייער געבונדן מיט שטריק, און ווען דער פייער איז געווען גרויס האט מען אלע דריי אריין געווארפן. צום וואונדער האט זיך פארברענט נאר די שטריק און פונקט ווי חנניה מישאל ועזריה זענען די דריי צדיקים ארויס גאנץ, דער פייער האט זיי נישט אנגערירט.

די רשעים האבן זיך נישט גערעכנט מיטן גרויסן נס וואס זיי האבן מיט זייערע אויגן געזעהן און האבן מיט שווערדן זיי געטויט און שפעטער אריין געווארפן אין פייער.

מיט די דריי צדיקים זענען געווען נאך 31 קדושים וואס די רשעים האבן איינגעזעצט און זיי געגעבן די ברירה אדער זיי זאלן זיך שמד'ן אדער מ'וועט זיי טויטן.

די 31 צדיקים קדושים וטהורים האבן באלד אויפן ארט געענטפערט אז זיי וועלן בלייבן מיטן יידישן גלויבן "וזאת התורה לא תהא מוחלפת" ח"ו, דאן האט מען זיי געבונדן און אריין געווארפן אין פייער שטייענדיג אויפן פייער האבן זיי געזונגען "עלינו לשבח" און דער ניגון מיט די הייליגע ווערטער האט זיך געהערט ווי ווייט, אפילו די רשעים האבן מיט התפעלות געהערט די ווערטער.

די מעשה איז געווען כ' סיון, און צוליב די מעשה האט דער "רבינו תם" און מיט אים די אלע חכמי צרפת אויסגערופן דעם טאג כ' סיון פאר א תענית ציבור ווי דער "עמק הבכא" ברענגט דעם לשון:

"וקבל היהודים אשר בצרפת ואיי הים, את היום המר הזה ליום הספד ותענית, וזכרו לא יסוף מזרעם, כדבר הגאון רבינו יעקב בר מאיר (רבינו תם), אשר כתב לאמור: "גדול יהיה הצום הזה מצום גדליה, כי יום כיפורים הוא".

א סדר פון סליחות האט מען דאן מחבר געווען, און דער פייטן רבי אפרים בר יעקב פון בונא האט געשריבן א פיוט וואס דער קעפל איז:

"למי אוי, למי אבוי ומדנים,

טיטוס ואספסינוס ואדריאנוס עקרונו,

בתתנ"ו לקרץ נתננו ובתתל"ך הזקנו,

ובתתקל"א שחיטה ושריפה בבלויא"ש נועדה,

וזאת תורת העולה, היא העולה על מוקדה".

✩ ✩ ✩

דער צווייטער אויסרוף אין יאר ת"י אויף כ' סיון אלס תענית איז געווען צוליב די צרות פון כלל ישראל אין יארן ת"ח - ת"ט ווי פאלגענד:

אין יענע יארן ה' אלפים ת"ח - ת"ט איז דער רשע חמלניצקי ימ"ש מיט זיינע טויזנטער סאלדאטן ארויף אין די מדינות אוקראיינע פאדאליע און וואהלין און האט מיט זיין רשעות חרוב געמאכט הונדערטער יידישע קהילות, בלוט פון צענדליגער טויזנטער יידן האט זיך געגאסן ווי וואסער, דער חורבן איז

געוועז גרויס ווען צווישן די טויזנטער יידישע קרבנות זענען אויך געוועזן קדושי עליון מלאכים און שרפים, ווי דער קדוש רבי יחיאל מיכל פון נעמרוב און רבי שמשון פון אוסטרופולי זצוק"ל הי"ד.

שפעטער ווען די גזירה איז איינגעשטילט געווארן אין יאר ת"י, האבן זיך אין פולין צונויף געזעצט די גדולי הדור דער "וועד ארבע הארצות" "פולין גדול" "פולין קטן" "ליטא" און "רייסן" - דער וועד האט געהאט זייןווארט אויף די אלע יידן אין פולין און רוסלאנד.

דער צוזאמענקום איז געווען אויפן יריד "קראמניץ" וואס איז אין לובלין און דארט האבן די גדולי הדור אויסגערופן און מחזק געווען דעם טאג כ' סיון פאר א תענית ציבור לדורות.

אזוי ווערט געברענגט דער נוסח אין ספר "יון מצולה":

"עלה במוסכם ביניהם, קיבלו עליהם ועל זרעם אחריהם, להתענות בכל ארבע הארצות את יום העשרים בחדש סיון בכל שנה ושנה, ביום ההוא אשר התחילה הצרה בק"ק נמירוב הגדולה, והיום ההוא נכפלה בו הצרה, שכן מלפנים היתה בו גם כן גזרה רעה בשנת תתקל"א לפרט.

וזכר מבן שמונה ומעלה, ונקבה מבת חמש עשרה ומעלה, מחוייבים להתענות ולהשלים כמו בתענית צבור, - ומחוייבים לקרא "ויחל" שחרית ומנחה. כמו בתענית צבור".

גם שאר קהלות ישראל שבמדינות אחרות אעפ"י שעליהן לא חל תוקף תקנה זו, קבלו עליהן מרצונם להתאבל על פורעניות אלה בצום ומספד וחיברו להן קינות לאמרן ביום זה.

ועד מדינות ליטא (החלק של ליטא שלא היה כלול בתחום שלטון פולין) הכריז אף הוא על החובה להינזר ממלבושי מותרות למשך שלוש שנים.

וכן פרסמו בקהלותיהם: "ומהראוי שכל אשר יראת אלקים בלבו, להתבונן ולהתאבל על צרות צרורות העוברות עלינו": -

"שלא ישמעו בבית ישראל שום כלי זמר, אפילו במזמוטי חתן וכלה, שנה תמימה".

דער ש"ך - שפתי כהן - דער גאון רבי שבתי הכהן זצוק"ל שרייבט אין זיין ספר "מגילה עפה" - כאטש ער איז נישט געווען אין די שטעט וואס זענען געווען אונטער דעם "וועד ארבע ארצות", אז ער פריוואט האט אויף זיך מיט די קינדער מקבל געווען דעם טאג פאר א תענית:

"על כן קבעתי לעצמי ולדורותי, לבנים ולבני-בנים, יום צום ותענית ואבל ומספד וקינים, ביום כ' בסיון שבו ניתנה תורה היקרה מפנינים, ועתה קרעוה פרעוה גויים רבים המונים המונים, יען כי יום זה הוא תחלה לגזירות ומכאובים וחלאים רעים

ונאמנים, וגם כי בו הוכפלו הצרות וקלקולים שונים, כי גם גזירת תתקל"א היתה על פי הקביעות והלוחות אשר בידינו מתוקנים, וחברתי סליחות והקינות בבכי ותחנונים, לאומרם ביום זה בכל שנה ושנה עידן ועידנים".

☆ ☆ ☆

דער אפטער רב זי"ע - דער "אוהב ישראל" - שרייבט אין ספר, א גרויסן דרוש אויף דעם טאג כ' סיון און פירט אויס:

כ' סיון איז אן אנהויב פון יום כיפור, ווער עס איז מקיים און האלט דעם טאג ווי עס דארף צו זיין דער וועט קענען האלטן דעם טאג יום כיפור ווי עס דארף צו זיין און א סימן צו דעם איז דער פסוק: "כי יד על כס י"ה די ראשי תיבות פון "כ"ס" איז כ' ס'יון און די ר"ת פון "י"ה" איז י'ום ה'כיפורים".

ביז לעצטנ'ס האט פולין געהאלטן דעם טאג כ' סיון פאר א תענית ציבור אויך אין לוצק ביים רבי'ן זי"ע איז דער טאג אויסגעצייכנט געווארן פאר א טאג פון תענית ציבור.

ונקתי דמם לא נקתי ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו...!

דמים תרתי משמע

דער אלטער רבי זי"ע האט געזאגט:

פונקט ווי א דאקטער - א מקיז דם - ווען ער נעמט ארויס פון יענעם בלוט גייט ארויס די שלעכטע בלוט און עס קומט אויף זייער ארט נייע גוטע בלוט, אזוי אויך ווען א צדיק נעמט פון א ייד צו די שלעכטע געלט, דאס וואס ער האט פארדינט נישט אזוי כשר, איז דאס א סגולה אז שפעטער וועט צום מענטש קומען ריינע כשר'ע געלט.

בהעלותך את הנרות

רש"י הקדוש ברענגט: כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה דעתו שלא היה עמהם בחנוכה לא הוא ולא שבטו אמר לו הקב"ה חייך שלך גדול משלהם.

אהרן - זאגט הרה"ק ר' מנחם מנדל פון ווארקא זי"ע (זיין הילולא ט"ז סיון (תרכ"ט) - האט זייער וויי געטאן וואס ער האט נישט זוכה געווען צו נעמען אנטייל אין די מצוה פון חנוכת הנשיאים, האט אים הקב"ה געזאגט "חייך"!

- עס גייט דיר אין לעבן? - אזוי שטארק טוט דאס דיר וויי? "שלך גדול משלהם" דאס אליין איז שוין גרעסער פון זייער טאן.

ספור

דער חסיד ר׳ בעריש

הרה״ק ר׳ אברהם פון טשכנוב זצוק״ל דער מחבר ״זכותא דאברהם״ האט געהאט, ווי ער אליין פלעגט דערציילן, א חשוב׳ן זיידן, זיין פאטער׳ס זיידע, וואס מ׳האט אים גערופן רבי בעריש חסיד, און דער טשכנובער זצוק״ל פלעגט פון זיידן אסאך רעדן און דערציילן, און האט אויך אנגעזאגט זיינע קינדער און משפחה אז מען זאל פון צייט צו צייט גיין מתפלל זיין אויפן ציון פון זיידן וואס ליגט אין אלטן בית החיים אין קוטנא - אויפן ציון לויט די צוואה פון ר׳ בעריש׳ן שטייט נאר די ווערטער ״פ״נ ר׳ בעריש חסיד״.

דער טשכנובער זצוק״ל שרייבט אז אויפן זיידן רבי בעריש חסיד האט מען עדות געזאגט: ער איז געווען א גומל חסד ווי אברהם אבינו, א רודף שלום ווי אהרן הכהן, אן עניו ווי הלל הזקן און זיין לעבן איז געווען נאר פון תורה ער האט מקיים געווען דעם פסוק ״אדם כי ימות באהל״ ממש מיט מסירות נפש האט ער געלערנט תורה טאג און נאכט, לא פסיק פומיה מגירסיה, און די וואס האבן אים געקענט האבן אויסגעצייכנט זיין גאונות און קדושה.

די רעבעצן פון רבי בעריש׳ן איז געווען א צדיקת אן אשת חיל און זי איז געווען די וואס האט געברענגט פרנסה אין הויז כדי דער מאן, דער צדיק, זאל קענען שטענדיג זיצן און לערנען, און די פרנסה איז געווען פון פירן אן ארענדע וואס זיי האבן געדונגען פון דעם פריץ פון געגנט.

אין יענע תקופה איז דער שרעק פארן פריץ געווען גרויס, ער פלעגט ליידער קענען טאן מיט זיינע יידן וואס נאר זיין הארץ האט געגלוסט, אויך די רעבעצן האט פארן פריץ זייער מורא געהאט און האט דעריבער גע׳דאגה׳ט יעדן חודש אפצוצאלן די שכירות פארן פריץ, כדי ער זאל נישט האבן אויף וואס ארויף צו קומען מיט טענות, און נאך יעדן צאלונג האט זי געדאנקט דעם באשעפער וואס זי דארף דעם פריץ יעצט א גאנצן חודש מער נישט זעהן.

איינמאל אין א טאג איז דער פריץ געקומען צו גיין אין די ארענדע און ער האט געלאזט די רעבעצן וויסן אז ער נעמט נישט מער ביי איר שכירות, נאר ער וויל רעדן מיטן מאן אליין וואס קומט קיינמאל נישט צו אים און ער זעהט אים קיינמאל נישט.

די פרוי האט זיך גענומען בעטן ביים פריץ ער זאל מוותר זיין אויף דעם, ער באקומט דאך שטענדיג זיין געלט וויפל ער פאדערט, פארוואס זאל ער מוטשען דעם מאן וואס ביי אים איז יעדער מינוט טייער, און ער וויל נישט מפסיק זיין פון זיין לערנען די הייליגע יידישע תורה.

אט טאקע דערפאר, זאגט דער פריץ, וועל איך מיין החלטה נישט בייטן און נישט נעמען מער קיין שכירות

ביי אייך, דאס ווייל איך האב געהערט אז אייער מאן איז זייער א הייליגער און זיין חכמה איז גרויס, דעריבער וויל איך אים קענען און רעדן מיט אים.

עס האט גארנישט געהאלפן, און רבי בעריש האט געמוזט מפסיק זיין דעם לערנען אויף א קורצע צייט און דער פריץ האט מיט אים פארברענגט און גערעדט מיט אים אין פארשידענע אמונה שאלות און וועלט חכמות, ער איז נתפעל געווארן פון זיין גרויס חכמה און ידיעה.

אין מיטן דעם שמועס איז דער פריץ געקומען מיט א מאדנע בקשה:

אזוי ווי ער האט געהערט אז עס איז דא אן עולם הבא פאר יידן נאך דעם וואס מען פארלאזט די וועלט, און אזוי ווי ער איז זיכער אז אזא צדיק ווי ער האט א גרויסן חלק עולם הבא, פאדערט ער פון אים אז ער זאל אים פארקויפן פאר א גוטן צאלונג א קליינעם חלק פון זיין "עולם הבא" כדי ער זאל אויך עפעס געניסן פון די צווייטע וועלט ווי אנדערע גוטע יידן.

רבי בעריש האט דעם פריץ געענטפערט אז ער זאל אים געבן צייט 3 טעג, וועט ער אים אויף דעם ענטפערן.

ווי נאר ער איז פון פריץ אוועק, האט רבי בעריש שטארק חרטה געהאט פארוואס ער האט אפגעשטופט זיין ענטפער אויף 3 טעג, און האט געוויזן א זלזול אין דעם ענין פון "עולם הבא", אז עס קען ארויף גיין אויפן געדאנק צו מאכן מיט דעם געשעפט און פארדינען ארום דעם געלט. ער האט אים געדארפט באלד זאגן: עולם הבא פארקויפט זיך נישט עס איז נישט קיין עובר לסוחר, ווער עס הארעוועט אויף דעם פארדינט, און ער איז נישט קיין בעלים דאס צו פארקויפן.

דעם אפשטופן דער ענטפער אויף דריי טעג קען אליין ברענגען א ספק אז די זאך שטייט צו פארקויפן און מען דארף נאר בעטן א בעסערן פרייז.

צוליב דעם, האט רבי בעריש באשלאסן נאך אין זעלבן טאג צו פארלאזן די ארענדע, ער האט פארפאקט אלע זיינע זאכן און בייננאכט האט ער מיט די גאנצע פאמיליע פארלאזט די ארענדע און זיי זענען אריין געפארן בחוסר כל קיין קוטנא.

דארט אין קוטנא האט רבי בעריש חסיד געוואוינט 40 יאר ביז זיין הסתלקות, אין די פערציג יאר האט ער געפאסט בייטאג יעדן טאג, און נאר אין די נעכט האט ער עפעס טועם געווען, ער איז געשלאפן אין בית המדרש דארט איז ער געזעצן און געלערנט, געשלאפן אויף די ערד און צוקאפנס האט ער געלייגט א שטיין - "אבן למראשותיו".

אויף דעם צדיק רבי בעריש - פלעגט דער אייניקל דער טשכנובער - דערציילן גרויסע זאכן, צווישן זיי האט ער דערציילט:

אין קוטנא איז געווען א יידישער שומר וואס פלעגט ארום גיין היטן אין שטאט פון גנבים, א לאנגע צייט האט ער געהערט פון וויטן וואלד, וואס ארום קוטנא, שרעקליכע וויינעריי מיט גרויס צובראכנקייט, אבער ער האט זיך זייער געשראקן ארויס צו גיין ביזן וואלד. די קולות און וויינעריי וואס האט זיך געצויגן א צייט, נאכט נאך נאכט, האבן אים צוגענומען זיין מנוחה און האבן אים צורודערט דעם לעבן, ביז ער האט באשלאסן אז מען מוז זיך שטארקן און גיין זעהן פון וואנען דער געוויין קומט, וואס עס זאל נישט זיין, קען ער שוין סיי ווי אזא לעבן מער נישט לעבן.

צו זיין וואונדער, ווען ער איז אריין אין וואלד, האט ער געטראפן רבי בעריש'ן ווי ער באהאלט זיך אויס פון אים און לויפט אריין אין שטאט.

דער שומר איז אים נאכגעלאפן און אים אנגעכאפט, ער האט אים געזאגט:

איך וועל אייך פון דאנען נישט ארויס לאזן ביז איר וועט מיר זאגן וועמענס קול איז וואס וויינט אזוי יעדן נאכט, עס איז נישט אייער קול און נישט קיין מענטשליכער קול, און בכלל הערן זיך צוויי קולותביים געוויין.

אויב איר וועט דאס נישט אויסזאגן כל זמן איך לעב וועל איך אייך דערציילן, דאס איז ירמיהו הנביא וואס קומט צוזאמען וויינען אויפן חורבן ירושלים און גלות השכינה.

☆ ☆ ☆

רבי בעריש חסיד האט געשריבן א צוואה פאר זיין הסתלקות און צווישן האט ער געשריבן:

א) מען זאל נוצן דעם שטיין אין בית המדרש, וואס אויף דעם איז ער געשלאפן זיינע 40 יאר זייענדיג אין קוטנא, פאר א מצבה אויף זיין קבר.

ב) מען זאל נישט שרייבן קיין שבחים אויף די מצבה נאר פ"נ ר' בעריש חסיד.

ג) אויב חס ושלום עס וועט ארויף קומען א געדאנק אויף א ייד זיך צו שמד'ן חלילה, זאל מען נעמען א ציגל (לבנה) און אויף דעם אויפשרייבן דעם נאמען פון דעם ייד וואס אין אים איז אריין דעם שלעכטער געדאנק, און דאס ארויף לייגן אויף זיין ציון. ער זאגט צו, אז אדער יענער וועט חרטה האבן און תשובה טאן, אדער אויב ח"ו ער איז שוין אזוי פארקראכן, וועט ער באלד שטארבן.

ד) ער בעט אז ביז 10 דורות פון זיינע קינדער זאלן זיי קומען אויף זיין ציון און זיך אויסבעטן וואס זיי דארפן, ער וועט טאן זיי צו העלפן.

רבי בעריש חסיד איז באהאלטן געווארן אין בית החיים פון קוטנא.

רבי בעריש האט איבער געלאזט א זוהן וואס איז געווען פון די צדיקים נסתרים מיטן נאמען רבי יחיאל מיכל, ער איז געזעצן טאג און נאכט אין בית המדרש און דער זוהן רבי רפאל פאטער פון הרה"ק ר' אברהם טשכנובער האט אים אויסגעהאלטן.

חם לבי בקרבי

דער הייליגער "בית אהרן" זי"ע איז אמאל געווען אין סאדיגורא, מ'האט געזאגט דאן קטורת שטיל האט זיך דער הייליגער "בית אהרן" אנגערופן: וואס איז דאס? קטורת אזוי שטיל?

האבן זיך די חסידים אנגערופן: קטורת, וואס איז שייך דערביי שרייען עס איז דאך נישט קיין נשמת נישט קיין ברוך שאמר??!

האט זיך דער "בית אהרן" זי"ע אנגערופן:

עס שטייט א פסוק "חם לבי" די הארץ איז מיר הייס "בהגיגי" ווען איך טראכט "תבער אש" אין אן ארט ווען עס האט אמאל געברענט א פייער - די קטורת אויפן מזבח - "דברתי בלשוני" היינט קען מען דאס נאר זאגן מיטן צונג און דאן איז "ונשלמה פרים שפתינו" - זאל מען דאס זאגן קאלט אן קיין ברען פייער??!

- נר זכרון לאנ"ש חסידי סטאלין-קארלין -

יום ב', כ' סיון. הרה"ח ר' חיים יצחק ב"ר אברהם לובין ז"ל. טבריה. תשי"ח.

☆ ☆ ☆

יום ב', כ' סיון. הרה"ח צבי יחיאל מיכל ב"ר אברהם יצחק סגל ז"ל. ירושלים. תשפ"ב.

☆ ☆ ☆

יום ד', כ"ב סיון. הרה"ח ר' שלומקע ב"ר משה פערלאוו מסטאלין - ירושלים. תרמ"ח.

☆ ☆ ☆

יום ד', כ"ב סיון. הרה"ח ר' ישראל ב"ר דוד זעליג זלצמן ז"ל. ירושלים. תשע"ה.

☆ ☆ ☆

יום ה', כ"ג סיון. הרה"ח ר' ישראל בנימין ב"ר יעקב יוסף הלוי גלויברמן ז"ל. מבליהוש - ירושלים. - משמש בקודש של רבוה"ק זצוק"ל. תרצ"ו.

הילולא דצדיקיא

יום ש"ק, י"ח סיון. הרה"ק ר' ישכר דוב ב"ר יצחק מראדושיץ זצוק"ל. תר"ג.

☆ ☆ ☆

יום ב', כ' סיון. הרה"ק ר' צבי הירש ב"ר שלום זליג מנדבורנא זצוק"ל. "צמח ה' לצבי". תקס"א.

☆ ☆ ☆

יום ב', כ' סיון. הרה"ק ר' זאב בהרה"ק ר' יוחנן מרחמסטריווקא זצוק"ל. תרצ"ז.

☆ ☆ ☆

יום ג', כ"א סיון. הרה"ק ר' שלמה ממונקאטש בהרה"ק ר' אלעזר מלנצוט זצוק"ל. תרנ"ד.

☆ ☆ ☆

יום ד', כ"ב סיון. הרה"ק ר' משה ירוחם בהרה"ק ר' מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל. תרכ"ה.

☆ ☆ ☆

יום ד', כ"ב סיון. הרה"ק ר' ברוך אשר בהרה"ק ר' אהרן מטשרנוביל זצוק"ל. תרס"ה.

☆ ☆ ☆

יום ד', כ"ב סיון. הרה"ק ר' איתמר ב"ר מאיר מנדבורנא - קרטשינוף זצוק"ל. בני-ברק . תשל"ג.

☆ ☆ ☆

יום ה', כ"ג סיון. הרה"ק ר' אהרן בהר"ר חיים מברעזנא זצוק"ל. תרפ"ו.

☆ ☆ ☆

יום ו', כ"ד סיון. הרה"ק ר' יעקב יצחק מבלענדוב בן השרף הר' מאיר יחיאל ממאגלינצא זצוק"ל. תרמ"ב.